STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03242

YAGD

Hasye Cooperman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



יאַגד

כאַסיע קופּערמאַן
ניו־יאָרק—1929

הילע און שאַר־בלאַט געצייכנט פון
חוה בלומגאַרדן

Copyright 1929
CHASYE COOPERMAN
New York, N. Y.

פאַרלאַג „זון“
ניו־יאָרק, 1929

צום אָנדענק פון א. ק.

אינהאַלט:

I

פייל

יאַגד 11
אַליין 13
נביא 14
בליאונג 16
באַגלייטער 18
Toil 20
פּיעראָ—נ. ב. מ. . . . 23
קראַנק 25
אַ נאַר איז אַ טראַגישע
מוזע 27
ווידערהאַלטע, פאַרבאַר־
גענע צוגן פון שאַך . 29
Exaltation 30
רעפלעקטן 32
פון אַ בריוו 33
מאַריאַ צום געפייניקטן 34
„פילאָסעמיט“ 35
מאַסקעס 37
הינטערשטאַט—
לבנה פּאָרט 39
פראַכט־שיינע רויז . . . 40
דערגרייכונגען . . . 42
צו ט. א. 43

II

בויגן

הימנען 47
שטאָל 48
סוף 50
מיין הויז 51
שלאָף־ליד 52
גרויזאַמע הויכן . . . 54
דו וואַנדערער 55
אָדלער 56
הערבסט 58
ליד 60
דעמערונג 61
געבעט 63
דער בריק 64
וואָס זאָל איך טאָן,
אָ דו צויבער 66
פעברואַר 68
אָנזאָג 70
à Henriette Renan . 72
דער קאַטעדראַל 75
רעגענבויגן 77
שפּורן 78

פייל

יאַגד

פון דיין פּייל —
די זילבער שטראַנדן,
פון דיין בויגן —
טוי.
יעדער חלום — בלויז אַ ווענדונג.
יעדער רוף איז אַ פאַרבלענדונג.
די מילדע געשפּרעכן
אין הימל־געוועב,
זיי קערן צוריק
ניי־געבוירענע ווערטער,
פאַרגאַנגענע ריכטער, —
די שלאַנקע אימאַזשן,
וואָס פליסן ווי שוואַנען
דורך רוים
און צום האַרץ.

אויפגאַנג לויכט.
דיין האַלדז
איז זון,
פאַווע גאָלדענע,
דו טויב.

יאַגד־צייט
ווערסטו ברייטער שטאָם,
גרין־באַצויגן,
וואַרים,
הויך.
און די פאַווע־פליגל
ווערן שויץ־וואַנט,
פעסטונג
קעגן ווילדן שוואונג.

— פון דיין פייל
די פורפור שטראַנדן,
— פון דיין בויגן
טוי.

אַליין

גענפאַסט אין שטרענגע מויערן,
בלייבן אַלע דיינע סודות. איך זוך
אַ שטראַל, אַ פאָרם אין גרויע טויערן,
וואָס קיינער האָט געוואַגט באַהאַלטן אין אַ בוך.

האָבן זעאונגען מיין זעל געצונדן,
האָב איך פייערן געלאָזן ברענען.
אומרירבאַר זיינען שאָטנס אין די שטונדן
ווען געהיימע עדיפיסן נענען.

איינזאַמקייט ברענגט אויפגאַנג ניט־דערמאָנטן,
רייניקט פון די נעפל־שטראַלן, שטויבן,
טראָגט מיך נאָענט, דעקט אויף האָריזאָנטן,
און באַהערשט און צערטלט מיך מיט גלויבן.

טרייסט־אימאַזשן, וואָס איך בוי אין איינזאַם,
פאַרליר איך אין טומאַנען פון דיין ים.

נביא

אין טיפסטן שלאָף גייט אויף אַ האַרף
מיט לידער אייגענע צום שאַרף
אויף וועלכן ס׳גליט
די טויב
און דרעמלט איין.

דורך שווידער-תהומען פון קאָשמאַר
דערמאָנט מיט גרייטקייט צום געפאַר
דער דיכטער זיך
אָן אויסגעהוילטן, שוואַרצן טאָל
אויף בלאַסער ערד.

דערשיינונגען פון טיפסטן זין
ווערן געשמידט ביז דינסטן צין
אין אָרבית-ליכט.
וואָס לויטערט יעדעס וואָרט,
פלוצים

באַנייט פֿון זון
באַנייט פֿון שניי.

בליאונג

דער גערוך
פון געטוליעטע וואָרצלען
אין פרילינג —
גליט
שטענדיק ניי,
שטענדיק זים —
ביז דער אָנהייב פון
בייטן זיך —
רייסט אויף
אינטימסטע פאַרלאַנגען
און כשוף פון נייקייט בענקט שטאָלץ
נאָך דעם גאָר-ערשטן
ציטער
פון
צוטרוי.

געבענטשטע ניואַנסן פון ווייטע באַגערן,

פאַראַט ניט
די פאַרעטער
פון
פרייד.

באַגלייטער

זייט דאַן —
האָבן טרערן געפּלאָסן ;
זייט דאַן — אַ פרייד פון געבעט,
געגלעט די צונגן פון פּנים
האָט יעדער פאַרדעכטיקער
ווינט.

דער נעפּל —
באַגלייטער פון מאָרגנס,
וואָס שפּאַט פון געפונענע זינד,
האַלדזט די פאַרשפּעטיקטע וואָלקנס,
פאַרבליבן
פון טונקעלן
יאַגד.

מעדיטירנדע
ליפּן פון פולקייט,

וואָס הייבן דאָס פּנים צום שיין,
ווערן ווי קרעסטן — און רונדלען
דעם אָטעם
פון ביטערסטן
רוף.

TOIL

דער קרייז-וועג
פון מאַטע שטערן
ווערט דעק
פון שיין.
די שטרענגקייט
פון ווייסע ווינטן
צאַנקט
אין
ריר.

אומעט
פון זיידענע כמאַרעס
פאַרגייט
אין
גאָלד.
און זעלטן-באַשיידן
דער וויספּער פון פּיין.

געזאַנג פון
שטאָלענעם צאָרן
גליט
אין
טרער,
געהאָרכזאַם
צו רחמים-באַפעלן
פון
פלום.

דער קרייז-וועג
פון מאַטע שטערן
ווערט דעק
פון
שיין.
די שטרענגקייט
פון ווייסע ווינטן
צאַנקט
אין
הענט.

די הענט
ווערן אייביקע
מייסטער —
פון
פלום.

פיערא — נ. ב. מ.

דער וועג פון די פייער־קאַמעטן,
וואָס רייסט זיך פון הימל־געוועלב,
שלייפט דורך די שטאָלענע וואָלקנס
און פאַלט ביי דעם ציכטיקן סוף.

געהויבן פון שחיטה פון שפורן,
אין נזירשאַפט וואַכט איצט אַ האַרף
און שמייכלט פון זיכערע שאַנסן,
וואָס צווינגען פיינטשאַפט צום נאַר.

ווען שפּערלינגען פאַלן צו טויען
ביים פוס פון געטעמפּלטן באַרג,
בענקען פאַרגליווערטע אויגן
נאָך אַן איינזאַמען וועג־ווייזערס רוף.

שטאָלענע
שעה׳ען געווידמעט

צום טאָג וואָס פאַראַט יעדעס ליד,
פאַרצווייפלונג צעפעדימט אין אומעט,
און אומעט —
דער רייטער
צום
זיג.

קראַנק

דער שאָטן מיט גאָלדענע אויגן ליגט שטייף;
די תפלות פאַרלעשן זיך, איינציקווייז, שטיל,
ביי די ראַמען פון מויל וואָס איז בלוי־פאַרצעליי.

דער וועכטער וואָס שטייט ביי דער זייט פון זיין האַר,
בענטשט די רו און דעם דעמער וואָס שוועבן פאַרביי.

דאָס בעט, אַט דער גרויער אַלטאַר,
שטייט אַליין אין דעם טעמפּל, דעם ברייטן, דעם וויסטן,
און וויגט זיך מיט נאַכטפאַל — ווי ריזיקע פליגלען
וואָס גוססן,
צאַפּלען.

דער קראַנקער איז נעפּל — געקליבן פון וויַיט־ווייטסטע
ווינקלען,
געטוליעט אין סטיל פון אַ מענטשן
וואָס שטאַרבט.

און די אויגן — אַ, גאָלדן פייער,
וואָס ציטערט,
וואָס גליט
דורך די נעגל פון הייליקן וועכטער!

און געוועלטיקט אַ חלום אין אים,
ווערט ער שטיין.
עס דרינגט דורך אים דורך
דער פרעמדער, דער ריזיקער שאָטן.

די תפלות פאַרלעשן זיך איינציקווייז, שטיל,
ביי די ראַמען פון מויל וואָס איז בלוי־פאַרצעליי.

אַ נאַר איז אַ טראַגישע מוזע

גלענצנד — דער קריגסמאַן און זיין פערד,
דרייסט איז דער טרעגער אין געלאַף;
די לאַסט איז אָבער טרויעריק,
זיין האַרץ איז צאַרט, אים שרעקן אַלץ
די פעלדער,
די צעטראַמפּלטע.

דער דעמער טרעפט צום שלומער־ברעג;
דער אָפּשטעל — פלינק; דער רייטער וויינט,
און קערט זיין פלייצע צו דער שיין;
אים פלעגן פעלזן מאַטערן,
ער איז אַוועק,
און צווייפלט דאָך.

פאַרטראַכט, שפּאַצירט ער לעבן פערד,
און וואונדערט זיך, — אין וויטן לאַנד
הייסט ער דער שולדיקער? אָ, פיין!

און קען אַ טרוים פאַרווירקלאַכט זיין
אין פעלדער,
אין צעטראַמפּלטע?

גלענצנד — דער רייטער און זיין פערד,
דרייסט איז דער טרעגער אין געלאָף;
די לאַסט איז אָבער טרויעריק,
און קערט זיך אום, צוריק אַהיים,
צו פעלזן וועלכע מאַטערן.
ער וויינט,
און צווייפלט דאָך —
און ווייסט ניט וואָס.

ווידערהאַלטע, פאַרבאָרגענע צוגן פון שאַך

איזאָלירטע געדאַנקען,
פאַרעקשנטע טריט פון נביאים,
אומזיסט שאַרפע ליגנס, —
(באַוואונדערטע מויערן־אמת)
גרייט צו פאַר דעם זינלאַכן אויפברויז
ספּאַראַדישע בליקן
אין ווייטערע, קינפטיקע רייכן.

אומרירבאַרע ספקות,
פאַרשאָלטן ווי דעמבעס, וואָס שפּרייטן די וואָרצלען אין
ערדישער רייפקייט

און דאָך,
רירן געצערטלטע פעלדער!
וועלן שוואַנען,—קרישטאָלן, פאַרגליווערט און איינזאַם,
טרינקען דאָס ליכט
פון געדולדיקע האַרפן,
פון ראַנדן?

EXALTATION

פירמאַמענט — (מיריאַדן ראַנדן, דין־צעפעדימט) — שטייגט
צו קווערן כאַאָס און צו זען ווי ער פאַרגייט.
געדאַנק אין ווירבל דורך סימבאָלן און דורך יעדע תפלה, לאַיגט,
געבערט דאָס רואיק־איינגעשטילטע לייד.

ווען טרוים דרינגט דורך אין ווידערקלאַנג
צו לייענען פאַרגעסנהייט אין עקזאָלטירטע רייכן,
קלאָט דער ווילן ווי אַ טיגער־קאַץ דורך פלאָנטער־וואנק
און אָטעמט איין אימאַזשן און שגעון־שטרייכן.

מיראַזשן, רויך־צעגאַנגענע דורך זון און גלי,
דערפרייען ס'האַרץ צו העלפן נייעם פראַל.
פאַנטאַזיע וואונדערט זיך, שאַצט אָפּ יעטוועדן פלי,
יעטוועדן בליק, אילומינירט, געזאלבט פון פעסטן פאַל.

פונקט ווען דער ציל ווערט צו זיין פלינקן פערד געבראַכט,
פאַרניכט ער אים געמיטלאַך־רואיק און מיט אַכט.

רעפלעקטן

ווען חורבות פאַלדן זיך צום ליכט
און שפּורן האַפּטן זיך פון וואָרצלען אָפּ,
דרינגט אומגעדולד דורך מיר
און אונטערטעניקייט.

איר ברעגן!
קייט זיך מעכטיק צו דעם שווערן, קאַלטן קאָפּ!
איר וואָלקנס!
בלאַנדזשעט תאוהדיק צום הונגעריקן שוועל!

פּראָספּעקטן נענען —
טרוימען — העלדנטאָט —
אוןווירקלאַכקייט . . .
און ווידער העלדנטאַט, —
פאַרצווייפלט, אויפגעריסן —
צו אַ גרונד,
צו אַ סוף,
צו אַ שלום.

פון אַ בריוו

זײַדן-רעגן אויף דער סאַמעטענער גאַס,
ווער אַטעמט הינטער מײַנע ווענט אַ האַס
צו מיר?

עס האַלט די מאַטע רעגונג מיך געפאַנגען,
קענען ניט די אויסגעשטרעקטע שאַטנס זיך דערלאַנגען
צו דער טיר.

—אַוונט. דורכגעפינגערט אַלטע בריוו (עמיץ, עמיץ
פּליסטערט וועגן זומערצײַט אין אַן אַרקאַדע),
געגאַרט. ווען וועט ווי אַלאַבאַסטער די הימל-סטאַדע.
זיך צעבלאַנקען?

לאַנגזאַם. אַלץ אַזוי פאַלירט געוואָרן ווי די רעגנשפּיציקע
באַלאַדע,
עס האָט זיך אויפגעבויט אַ שרײַגיק מאַרמאַר באַלוסטראַדע
פון געדאַנקען.

מאַריאַ צום געפּייניקטן

„גרויסע לעבנסקראַפט וועט קיינמאָל
איבערזעטיקן מיין זעל.
בלויז נייע שרעק און שיינקייט
פרוכפּערן מיין פאָרשטעלונג אַזוי.
אפשר נאָר לבנה דורכצוגיין
שאַרפסטו זיך דורך מיר מיט גוואַלד?
צי איז עס גאָר אַ חלום
אַז וועסט ווערן אייביק באַלד?"

אַזוי זינגט זינד אין טרויער
אַלע מיינע שעה.
אַזוי זאַלבט זי כאַראַלן־פּלום,
וואָס גייט אָפּ ווייט פון דאַ.
אפשר נאָר די שטראַלן אירע דורכצוגיין מיט גוואַלד,
שאַרפסטו זיך דורך דער ערד, —
הימלען צו באַגלייטן,
ליגנס פאַרקייטן,
געווינען וויספּער פון דער זעל וואָס שטאַרבט?

„פילאָסעמיט“

ווען איך גאַר נאָך ווייטע נייעסן,
(פאַרכמאַרעט איז מיין ערד)
מיט פאַרצווייפלונג רייט איך ווידער,
ווידער אויף מיין ווילדן פערד.

און מיין שלאַכטפעלד גוססט אייביק,
און איך בעט אויף זיך דעם שלאָף,
אומגעדולדיק איז מיין טרויער,
אומגעדולדיק איז מיין שטראָף.

אָ ווי כיטרע, — דיינע גראַמען,
און דיין צונג, — ווי פליסיק, קלוג;
נאָר מיך קימערן ניט לידער,
ס׳קלינגט מיר בלייאיק דיין געשפרעך.

און מיין שלאַכטפעלד גוססט אייביק,
און איך בעט אויף זיך דעם שלאָף,

אומגעדולדיק איז מיין טרויער,
אומגעדולדיק איז מיין שטראָף.

מאַסקעס

ווי שטרענגער שאָטן איבער זילבער
שניידט די לעצטע שיף.

מיך שיקט דער לעצטער פלוס
צו יעדער זייט ים.

זאָלן טויט־וואָגנס פאָרן צו יענער זייט;
גלאָריע פליסטערט אין דער שטיל.
עם אַשן פים
איבער ברענענד־שטייגנדיקע טרעפּ
און באַזינגען פרייד:
„אומזיסט — די תפלה;
הימל איז טויב".

אַ שמייכלענדיקע וואַנט פון מאַסקעס
שניצט זיך דורך אין יעדער זעל
און קרומט זיך אוים.

און זינגט
און ווייטיקט
מיט גליק.

געזאַלבט מיט דינער פּראַכט פון איין־און־איינציקער רגע,
גיי איך אַנטקעגן
צו טרעפן,
אָפּשטעלן
און פאַרזיכטיק
צוריקקערן דעם שרעקלאַכן, פריידיקן וואַנט־פּנים.
דער שוים פון די מיילער פון מאַסקעס
וועט ניט דורכדרינגען,
ניט זשאַווערן געביין,
אין יענער רגע
פון פּראַכט
און פון גלאָריע פון סובטילקייט.

הינטערשטאָט — לבנה פּאָרט

מילדע ווינטן גלעטן פינגער, גליענדע,
פינגער־שפּיצן ברענען מיט פּאָלירטער שרעק.
ביידע זיצן טויטע הינטער נידעריקע טרעפּ,
אויגן־לעכער שיינען ווי דורך שטויב,
אַ שטערן שימערט מיט.

דער גרין־קרישטאָל זינקט לאַנגזאַם צו די טרעפּ,
זיין גרין־געזיכט צעגייט,
צעגייט ווי זיי
פון הינטער שיין.

פראַכט-שיינע רויז

אָ, צויבער דופטיקייט צו זינגער!
אַנטציקטע זיסקייט איז דיין גלוסט.
— אָ, ווי סערען — זייער זענזוכט נאָך דיין פלוש
דיין לאַשטשענדיקן, פאַלשן ריר.

און וויפל איך זאָל גלויבן,
אַז געזאַנגען זיינען איבעררייף מיט דיר,
און ווי איך זאָל באַזייטיקן
די דיכטונג,
וואָס זינגט הויך
פון דיין געפאַר
און פון דיין לוסט, —

בלייבסטו די רו,
די צאַמיקע,
באַצווינגענדע ;
בלייבסטו די סאַמעט-רייך.

ווען מיט פאַלדן — דעמוטיק־צעעפנט —
נייגסטו דיין קאָפּ אַראָפּ —
(אַ האַרץ!
אַ דעמער־בליצן פון אַ ניי געזיכט!
אַ לאַנגזאַם־קעפיק ווירבל־טאַנץ!)

— ביסטו די רו,
וואָס וואַנזיינט;
די שיינע, פּרעכטיקע,
די קיינמאָל־מידע רויז.

דערגרייכונגען —

איבערפליסיקע פראַזן — פאַרווישט דורך פאַרטושטע
גערדאַנקען,
צילן — ווי נסים — דערגרייכט דורך פאַרקנוילן אַ וואָרט,
באַגריפן — ניט מענטשלאַך — בלויז אויף בלעטער געאיבט,
קלאָרזיכטיקע טרויבן,
אַ הויפן סאָליד, —
דאָס זיינען די טאָטן,
דאָס זיינען די מעשים פון „פּרעכטיקן באָרד“
(דער הויכווערט פון דינעם, געגריבלטן פערז).

אויף פלאַכן פון קונסט —
אַ מאַנעוור פון אויסגוס און שוואונג —
נאָר פאַר וועמען, נאָך וועמען די פייל?

צו ט. א.

איך וואָג דיך אויסצופרעגן:
ווייל איז דען קיינמאָל ניט געווען די צייט, ווען גלויבן
האָט דיין זיניקייט דערשעפּט, ווי שאָטנס
צערן אוים דאָס ליכט;
צי האָט דער איין פולקאָמער צושטאַנד דיך געהאַלטן, וואו
דו האָסט דיין ליידנשאַפט באַהערשט און
ס׳האָט דיין ווילן דיר געשאַפן נייעם
גייסט?
דיין אָנען איז געשטיגן צו דעם אמת, און אָנטפּלעקונג
האָט דערבראַכט דיך צו דעם איינעם זין,
וואו גאָט, דיין האַר און אַווטאָר, איז דער
ערשטער:
דאָך וואו ביסטו געשטאַנען, ווען אָן אַנגסט האָט דיך
באַצוואונגען און האָט פעסטגעשטעלט
זיין אָנהייב; ווען אָן אַנגסט האָט ניט
געוואָלט באַרעכטיקן זיין ציל?
וואוהין ביסטו אַוועק צו ברענגען גלייכגעוויכט פון
ציפערישער ווערט?

פאַרוואָס ביסטו ניט אונטערטאָן צום פּלאַן, ווי צו אַ
יעדער זאַך?

ווי עס וואָלט אַ מויל פון ליים זיך שפּאַלטן אויף מיין האַנט,
אַזוי צעעפנסטו די ליפּן.
איינפאַכער צושטאַנד בעט צו דיר:
באַגרייף
דעם גלוסט נאָך פרייד,
פאַרהאַלט מיך
פון דעם ראַנד.
אָפּשיילאָך, אויב ניט זינדפול, איז צו מיר דער טאַט וואָס
זוכט זיין רו.
פאַרהיטן זיך — ס'איז וואונדערבאַרער שפּאַס
און וואונדערבאַר געוויין,
און דרייסט, אַ, דרייסט געננג . . .

בּויגן

הימנען

ווי אַ גרויזאַמער שליח,
פלוצים אַנטבלויזט
אין נאַקעטסטער שבועה,
אין מאָרגן־שטערן רויט —

וואַכט אויף אין מיר
דיין געפייניקטער צוזאָג
צום ווייפלטן מאָל ?

פלאַטערט דורך תהומען
אין לאַנגזאַמער שטילקייט
אַ נאַכטפויגלס קלאָג־ליד —

שוועב איך פון פעלזן
דורך זינקענדע הימנען
צום שרעקלאַכן טאָל.

שטאָל

צו מיר זינגט מיין שטאָט
וועגן שפּיזיקע טעמפּלען ;
זיי דרינגען דורך אַלץ
אין פרימאָרגן
פון
אויפשטאַנד.

דער בריק
רייסט זיך אָפּ
פון די ערדישע וואָרצלען
און קלייבט
רעגנבויגנס און רויב.
בלוט און שטאָל
געהאפּטן
מיט אימפּעט און ווילן
און —
פּלוצים

אַן אויסגעשריי —
וואנדער
און וואונדער
און פראַגילע פיילן
און —

סוף

איר האָט אַ ווינט געבראַכט צום ברעג;
איר האָט אַ נס פאַרוואונדעט און צעבלוט; —
זי וועקט אויף טרייסט אין אַ געווידמעט האַרץ.

ווען הינטער איר גייט אויף אַ זון
און פאַר איר דעמערט טאָג ווי נאַכט,
ווען זי טרעט הויך און פלאַטערט שטיל, —
ווי טוי און טויער דורך אַ נאַכטיגאַל, רעגאַל,
צעזינגען זיך די שטאַמען אויף דיין וועג.

די צאַרטע טאָכטער פון דיין זעל,
(פאַר דיר געבאָרענע געמעל)
זי האָט אַ האַרץ פריי, ווייך און גוט;
איר שטאָלץ איז אייזן-שטייף; זי קומט ניט בעטן מער;
זי האָט אַ האַרץ וואָס בענקט און זינגט,
זי האָט אַ האַרץ וואָס טרוימט און גאַרט
און ווייסט.

מיין הויז

ליגסט באוואָפנט און בלאָס.
דיין טיר
הענגט אין נאַכט
ווי אַ פאַנג ביי אַ וואָלף.
אין בלוילאַכן פענסטער
ברענט דורשטיק מיין קאָפּ,
גליט שטראַלנד מיין קאָפּ
צו באַלויכטן דיין וועג.

שלאָף-ליד

דו הערבסטיקער טעמפּל, דו טרינקסט זיך אין שלומערס,
אין שטאָלן געוועב
אין פּורפּור אַלייען; זיי עפּענען טויזנטער שוועלן!
ווער גלויבט אין דעם כשוף פון קניענדן דעמער?
ווער גאַרט נאָך דיין דופט, עס זאָל עפּענען פּרילינג
און היילן פון איינזאַמע שאָטנס,
וואָס זאָלן
פליסן
צו דיר?
ביסט פאַרלאָזן און נאַקעט, — דו נאַכט-ליד, דו טרוימלאַנד;
דיינע העלסטע לעגענדעס
פאַרוואַנדלען מיראַזשן
אין גאָלדענעם וועלקן
פון בלעטער וואָס ווירבלען דורך לינדע אימאַזשן.

אַ שפּיזיקער אָרגל!
דו דרינגסט

אין די ווייטסטע גירלאַנדן
פון שלאָף-ליד.

גרויזאַמע הויכן

מאַרמאָרנע פעלזן אין טרוימען,
איר געדולדיקע שטאַמען,
איר מעכטיקע הויכן,
דער סערפּ זאָל פאַרשניידן די נאַקעטע זילבן פון פלוצימדיק
ליד.

מייעסטעטישע לענדן, —
ווייסע פעלזן וואָס קניען פאַר מיר
אין דער שרעקלאַכסטער שעה ווען פרייד ווערט געוויין!
אַ גליקלאַכער אָנזאָג,
וואָס ווייסטו פון טאָטן,
פון פרעמדסטע געפילן,
ווען גאָלדענער שיין
אויף די מעכטיקע שטאַמען
איז פליסנדע זון
און
פאַראַט?

דו וואַנדערער

צו וואָס די גרינגע טרערן,
דיין פאַרצווייפלטקייט — אָן מוט ?
איך וויל פון דיר די נאַקעטקייט
פון אמת, —
ניט געזאנג.
דו ציטערסט ביי דעם טיפסטן תהום, וואו ס׳גוססט דיין
רעפלעקט,
און מיינסט דיין ליד וועט תפלה טאָן
און אויסבעטן מיט גוואלד
אַ רו־געמיט,
אַ צוויבער־שטאָק ?

דיין וואָרט ? דיין טאַט ? דיין וועלט ?
דו וואַנדערער,
דו אָרימער —
דו וואַנדערער,
דו נאַר.

אָדלער

הינטער קוליסן פון זונענפאַרגאַנג
בויגט זיך
דער אָדלער,
הויך און
ציכטיק —
רייף און
ווייז.
דורך טוי
שימערט
דאָס גליען
פון פורפורנע פעדים,
פון דעמער און זון,
פון פייער און פלאַם.

כ׳האָב אין לעצטן פאַרלירן,
אויף אייביק געוואונען
דורכזיכטיקע פליגל;

זיי שלייפֿן צום ציל
דורך פֿינסטערע טאָלן
און זאַמלען
גרויסמוטיקע וואָלקנס
פֿאַר מיר
איבער ימים.

הערבסט

עס זינקט אין מיר דער נעפּל
פון אַ זיי־געזונט מאָטיוו;
עס מאַטערט מיך דער אומעט
פון פאַרעטערם וויספּער־ליד.
דאָס העכסטע און דאָס מילדסטע
איז אַוועק צום טוי און קרייץ,
דורך רעגנבויגן־ברעגן
וועמענס פייער איז אַזשור.

דער הערבסט גייט אויס
אין פייער־טרעפּ,
און שלייערט זיך
דורך זון,
דורך שאָטנס, וויט־צעשפּרייטע,
ווי דורך פעלזן־ציינער, הויך.
מיט דעם רואיקסטן באַדויער
איבער אומגליק, סאַמעט־רויט,

מיט רחמנות צום באַטריגער
וועלכער כשופט אייגן פייל:
טויבן־שרעק און פלאַטער
האָבן צוגעדעקט
אַ
וואונד.

עס זינקט אין מיר דער נעפּל
פון אַ זיי־געזונט מאָטיוו;
עס מאַטערט מיך דער אומעט
פון פאַרעטערם וויספּער־ערד.
דאָס העכסטע
און דאָס מילדסטע
איז אַוועק
צום טוי,
צום קרייץ.

ליד

פארוואלקנט זיינען ווינקלען פון דיין ערד און דו אליין —
דיין ליכט,
דער ריטם פון דיין שוועבן איז באגינען;
דיין זילבער־פנים איז דער שיין פון אונטער צוגעמאכטע
אויגן.

ווינקלען שפרייטן זיך פאנאנדער און צעשפינען זיך ווי
זילבער־פעדים איבער מיר
און קריצן וועגן אויף דיין טיר.
באשערט דעם צופאל פון מיין זיין,
באשערט די קרומען פון דיין שיין.
עס ווייטיקט אלץ דער צופאל פון אן אויסגעצערטן, אויס־
געברענטן פיין.

דעמערונג

בלוי־שאַרפֿע ברעגן פֿון שטאָלענע גאַסן
זינגען פֿון צערטלאַכקייט.
בלוי־שאַרפֿע ברעגן —
זיי ווייסן פֿון בענקשאַפֿט, פֿון אומעט אין זילבערנע טעג.

פֿאַרנאַכט —
עס קומען טויטע וואָלקנס צו אַ בלויען ברעג.
עס קומען נעפּלען, הינטער־וואָלקנס, פֿון אַ ווייטן וועג.

פֿאַרנאַכט —
לבֿנה־שיין —
אין הימל בלישטשעט טוי אויף שטאָל
און אַלץ טראָגט קילן שיין פֿון שטיל געוויין,
פֿון אומגליק.

פֿאַרנאַכט —
איך שטיי ביים בלויען ברעג פֿון גאַס

און וואַרט —
אויף דיר,
אויף אַלץ — און אַלץ איז שטאָל.

גע֜בעט

מילד וואַנדערסטו אין חלום איין
און יעדער קוועסט ווערט נול.
זים איז דער וועג וואָס זאַמט זיך נאָך;
לייכט אויף; זאָג אוים דיין לעצטן שפרוך.

וואָג ניט פאַרגעטערן מיין שריט,
שענק מיר באַשיידענערע אַכט.
דיין וויסן — דרייסט און קלאָר און שטיל —
רעדט צאַרט צו יעדער שוואַכקייט, טרייסט.

גיב צו דער איטלקייט די מאַכט,
דערציילן אויף איין רגע נאָר:
„מיין זין איז שטראַליקייט צומאָל,
מיין האַרץ איז הימלען, אָפן ברייט;
איך שוועב אַריבער וואָלקנס, הויך־געהויבענע —
פאַרשווינד
ווי דינקייט,
ווי געבעט.“

דער בריק

פאַרוואָרפן איבער ברעגן,
נעם איך אַלעמענס געוויין צונויף
און טראָג זיי איבער זעגל־שפּיצן
הימל־הויך און ברייט און קלאָר, —
און גייסט אַפֿ ווייט פון מיר,
דו שוואַרצער וועג.

אין מיר פאַרגייט אַ ליכטיקער אזשור
און זילבערט פון מיר אוים דאָס בלוט —
און איך ווער עלפנביין.

פאַרהייליקט האָבן מיך מיליאָסן שפּורן,
באַשמוצט — די הויכע טעמפּלען,
בייגנדיק צו מיר זיך,
ווי צום רעטער.

וואָס האָט מען מיין געשטאַלט געטונקען
אין לבנה-שיין,
אַז מיינע ראַנדן זאָלן ווייסע שאַרפן זיין ?

מיינע שאָטנס שפינען איבער נאַקעט-דורכזיכטיקע שפיגלען,
ווען איך הייב זיך ווי אַ מעסער, קעגן הימל.

וואָס זאָל איך טאָן, אָ דו צויבער

וואו זאָל איך וואַנדערן,
האַרץ מיינס ?
צו וועמען פאַרטרויען
דיין שוואונג ?
דער דעמב מיט די נאַקעטע אָרעמס
וואַרפט שאָטנס,
וואָס טאַדלען
דיין ליכט.

זאָג,
וואו ווילסטו וואַנדערן
האַרץ מיינס ?
פאַר וועמען אַנטפּלעקן
דיין ליד ?
ס'האָט דער לעצטער, דער ערלאַכסטער וועכטער,
פאַרכשופט, פאַרלאָשן
דיין וועג.

וואָס זאָל איך טאָן, אָ דו צויבער,
וואוהין וויל מיך טראָגן
דיין שפּרוך?

פעברואַר

איך הייב אָן צו פאַרלירן טאָג און נאַכט.
די אויגן מיינע ברענען פייער־ווייס און שטראַלן פון זיך
דיין געזיכט.
וואָס האָסטו אָפּגעקערט מיין פּנים פון דער זון?

איך רעד מיט דיר דורך דיינע ווענט.
די אויגן זעען ווייס.
איך ווייס ניט ווער עס רעדט:
— מען האָט דיך אָפּגענאַרט,
מען האָט דיין קרייץ פאַרמשקנט פאַר אַ ווייס און מעש־
געפליגלט בעט. —

אַ הימל, — אַ אויסגעטראַכטער בלויער, טרוימען־קאַבינעט,
ביסט צעבלוטיקט,
צעבלוטיקט פון זיך,
פון זון,
פון שאַרפע בערג.

מיין אָטעם האָסטו איינגעשלונגען,
מיך אינגאַנצן אויפגעלייזט,
און אויסגעשפּרייט אין הימל־פּאַסן, —
די פינגער צעפעדימט אין טויבנדע וואָלקנס.

אָנזאָג

נאָך אַ זוניקן טאָג,
ווערט מיט ליכטיקן אָנזאָג,
באַצויבערט אַ הויז.

דו ביסט דאָ,
דו זיצסט אַנטקעגן מיר
און קוקסט פון פענסטער צו די ווייטע פּלאַנען.
וועגן איבער און אַרום דיין הויז
טומאַנען,
און פאַרדעקן אַלץ.

זייערע אויגן בייטן זיך אויף גרוי;
פאַרוואָס שטאַרן זיי אַזוי?

זיצסטו אַנטקעגן מיר?
ווער וויינט עס
אין דער שטיל?

וואָס פּלוצים און וואָס פּייערלאַך
טרעט אָפּ דיין גרויער פענסטער, און די טירן,
און די שווער־פאַרבלייערטע פאָרטירן?

מיין געוויין איז אויסגעגאָסן
איבער אַלץ, — און איינגעשלאָסן
אין דיין פייער־בלויען הויז.

ווי ווייט עס שפּרייטן זיך די הענט
אין אַ הימלישן געבעט פון ווענט;
באַלד וועט פאַלן דער געבוי
און אויפגיין וועט אַ ליכטיק־בלוי;
און זאָלן ווינטן ניט פאַנאַנדערטרייבן
אַלע רעשטלאַך,
ביז ס'וועט אפילו אַש
ניט בלייבן
פון דיין הויז.

à HENRIETTE RENAN

I

איך בין אַ לינדער בויגנדיקער שטראָם,
וואָס פליסט געהאָרכזאַם לויט זיין פורעם.
און גאַרן, גאַר איך נאָך אַ ווילדן שטורעם,
און פאַלן, פאַל איך אין אַן אויפגעוואַכטן תהום.

פון שוואַכקייט האָב איך סוד פאַרגרויט —
מיט ביטערקייט דורך שימערנדע טעג
געשליפן דינעם, שטיינערדיקן ברעג,
און זיך אַנטקעגן שאַרפקייט ניט פאַרטרויט.

אַנטפּלעק פאַר מיר די ברוך־שטיק פון די וועגן.
כ׳וועל שירמען דיין באַגער נאָך שטילשטאַנד ;
אָ, ווייז אַ צייכן פון דיין פייער־לאַנד
און אפשר זאָל איך וועגן צייכן גאַרניט פרעגן.
צו וואָס די פרומקייט און די זילבער־רו ?
איך ברען ביז פולן ראַנד ווי דו.

II

דיין געשטאַלט וועט גליענד זון־שטויב גרייטן,
קומען וועלן ימים פונקען ליכט.
העלער שטראַל וועט צערטלען דיין געזיכט,
וואַנזין וועט דיין נענען אין מיר שפּרייטן.

לבנות־לאַנג ניט אָפּקערן די אויגן —
אויסגעהוילטן שטיין וועסטו געפינען.
איך מוז דיין צייכן ווען עס איז געווינען,
זאָל אפילו שוועל זיך דאַרפן בויגן.

מיט אייפער ווארט איך הערן דיין באַפעל,
דיין שטילן טאַדלען, צאַר־פאַרקלעמטע רייד,
און אין די אויגן גוססדיקע פרייד, —
דיין בליק, וואָס טונקלט מאָרגן דורך מיין זעל.
פאַרוואָס ביסטו ווי נעפּלען שאָטן־ווייט
און וויטסט ניט אָפּ פון מיר מיין איטלקייט?

III

הויך טויערט איבער מיר אַן אייזערנער געוועב.
דאָס האָט אַ שטראַלנדיקע שטאָט באַגליקט
מיך מיט מיין שטראָף. און טויבן האָסטו מיר געשיקט;
איך נעך צו דיר און צאַנק און שוועב.

פאַרוואָס נעמסטו פון מיר דאָס זינד און גליק,
צו וואָס פאַרדעקן זיסלאַך מיינע רויב,
באַהאַלטן אונטער פּערלדיקן שטויב,
ווען איך אַליין דערמאָן זיך מיין געשיק?

דרינגנען טרוימען, קומען מיר דערציילן,
וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט און געלאָזן;
ווי אַן עכאָ האָט דער ווינט צעבלאָזן
דיין שווערע שטראָף, ניט צו פאַרוויגן, ניט צו היילן.
וואָס איך האָב פאַרצווייפלט גענומען
איז מיט ליגן, מיט אומגליק געקומען.

דער קאַטעדראַל

הינטער דורכגעקרייצטע דעכער, הינטער גלעזער, הינטער אייזן
שטייט דער קאַטעדראַל.
הינטער בלייכע גאַסן
זונט מיין קאַטעדראַל.
און איבער דעם ברענענדן וויאָלעט און גרויען נעפּל
וואַכט א מאָדנער סוד.

און דאָרט קום איך רוען אין דעם לערן קאַטעדראַל,
אויף אַ האַרטער באַנק,
פאַרן ליידיקן אַלטאַר.
לאַנגע שעה׳ען רו איך —
לאַנגע וואָלקנס, לאַנגע ליכטיגקייטן.

און דו קומסט —
און דו קומסט אַ ווייסער דורך דעם טוי פון גרויען וויאָלעט.
און דו קומסט —

און דו רעדסט ניט —
דו דורכזיכטיקער, דו פייערלאַכער —
דאָס גרוי איז זילבער
און דער שטראָם פון וויאָלעט איז זונשיין.
און דו ווערסט טויט
און עס זוניקט מיין גרויסער, לערער, קאַטעדראַל.

הינטער דורכגעקרייצטע גאַסן
שטייט דער קאַטעדראַל.
געלע לאָמפּן ברענען ווען איך קום,
שוואַרצע אייזן־שלעסער הענגען.

און איך קום
און דרינג דורך אַלץ
ווי דו, מיין זוניק־טויטער.

רעגנבויגן

דו האָסט געבּרענט ווי אַן אַלטאַר,
דו האָסט געשולטערט ליכט
און האָסט מיך איינגעצאַמט אין פלאַמענגרוד.

איך טראָג צום הימל מיינע קני
און בעט די זון צו זיך,
און זוך אין דיינע פורפור אויגן רו.

פאַרוואָס בין איך ניט דעמב וואָס בויגט זיך ניט?
פאַרוואָס באַגלייטן דיך די בלעטער און די פונקען גאָלד
פון זון,
פון ווייסע בויגנס
און פון נעכט?

שפורן

אָ. וואַנזין פון טויטע דעלוזיעס,
דאָס קלאָגן נאָך זאַמדיקע טריט,
נאָך דעם סאַמעט פון גאָר־לעצטע בליקן,
וואָס האָבן מיין שוויַיגן גערירט!

כ'האָב פאַרלאָשן די ווילדסטע אימאָזשן,
דערמאָנט זיך אָן שרעקלאַכסטן טרייסט,
מיט מורא געגאַרט צו פאַרגעסן
נערוועזע און ביטערע רייד.

ווי ליגנס, וואָס האָבן געציטערט,
אויף ליפּן אין וועספּער־עקסטאַז,
די פּלוצימע שאַרפקייט פון אָנזאָג
איז פייַנלאַך און אמת און מילד.

266
TRADES UNION LABEL COUNCIL

טריאָ פרעס, אינק.
ניו־יאָרק